בעזרת השם יתברך

# פרק ה׳-ו׳

## • לך לך •

**אין די פרקים ווערן ערקלערט:**

אז די גרעסטע ליבשאפט פון א חבר איז, דאס ווען ער זעט אז זיין חבר איז עובר אן עבירה זאל ער זאגן מוסר און שטראף רייד. - דער וואס וויל זיך רייניגן העלפט מען אים פון הימל. - די וויכטיגקייט פון לערנען תורה ווען מען גייט אויפן וועג. - מען זאל שטארק מכוון זיין ווען מען עס עפעס גייענדיג אויף דעם וועג.

❖

דער גרויסער און באוואוסטער חיד״א, - הרב חיים יוסף דוד אזולאי זי״ע, דערמאנט דעם ״קב הישר״ זייער אסאך מאל אין זיינע ספרים און ער האט זיך שטענדיק געפונען אויף זיין טיש. ער זאגט אויף אים: ״א ספר וואס איז מעורר צו יראת שמים.

# אינהאלט
## פון פרקים ה׳-ו׳


א. אין פרק ה׳ ווערט דערקלערט: אַז די גרעסטע ליבשאַפט פון אַ חבר איז, ווען ער זעט זיין חבר איז עובר אַן עבירה זאָל ער אים זאָגן מוסר.......... ה

ב. ווען אַ מענטש איז פוגם זיין נשמה, קען זי נישט געפינען איר רוה אויף יענער וועלט.......... ה

ג. די לופט פון דער וועלט איז פול מיט נשמות פון מענטשן וואָס קענען נישט קומען צו זייער רו.......... ה

ד. אַלע בוימער זענען פול מיט נשמות אָן אַ צאָל.......... ו

ה. מיר זענען נע-ונד אויף דער ערד און אין אַוויר פון הימל.......... ו

ו. זייט אונז מתקן מיר זאָלן קענען קומען צו אונזער רו און נישט ליידן מער.......... ו

ז. דער צדיק דאַווענט מיט כוונה גייט זיין תפילה אַרויף אונטערן כסא הכבוד.......... ז

ח. פיל נשמות ווערן אַרומגעוויקלט און באַהאַפטן מיט דער תפילה פונעם אָרעמאַן און צדיק.......... ז

ט. ווען די נשמה פון צדיק גייט דורך דעם גיהנם כאַפן זיך אין איר אָן פאַרלוירענע נשמות.......... ח

י. גאַנצע מחנות נשמות זענען אויפגעגאַנגען פון די קברים אַרויפצוגיין אין גן-עדן.......... ח

יא. די תפילות פון צדיקים זענען אַ גרויסע הילף פאַר די פאַרשטויסענע נשמות.......... ט

יב. דער גענאַד פון באַשעפער איז אומבאַגרענעצט און איטלעכער איז באַרעכטיקט צו דעם.......... ט

יג. עס זאָלן זיך ענדיקן די זינד אָבער נישט די זינדיגער.......... ט

יד. דיין האַנט איז אויסגעשטרעקט מקבל צו זיין די וואָס טוען תשובה.......... י

טו. דאָס האַרץ איז מכוון קעגן דעם שם הוי"ה און דאָס מויל קעגן שם אדנ"י............................................ י
טז. דאַוועגען מיטן מויל אָן די כוונה פון הארץ איז אַגרויסער פגם........................................................................... יא
יז. דער וואָס רעדט מיטן מויל אָבער דאָס האַרץ טראַכט אַנדערש, ווערט פון אים אַרויסקומען קינדער אַפּיקורסים. ........... יב
יח. השי"ת גיט אַכט אויף די צדיקים כדי די נישט גוטע זאָלן זיך נישט דערנענטערן צו זיי.......................................... יב
יט. ווען זיי זעען די צדיקים וואָס זענען אָנגעקניפּט אין גאָט, קערן זיי זיך אום.................................................. יג
כ. אידן דורך תשובה און מעשים טובים מאַכן זיי זייער זינד ווייס........................................................................ יג
כא. יעדער זאל טאָן תשובה לויט זיין יכולת... ........................................................................................ יד
כב. אין פרק ו' ווערט ערקלערט אז דער וואס וויל זיך רייניגן העלפט מען אים פון הימל. - די וויכטיגקייט פון לערנען תורה ווען מען גייט אויפין וועג. - מען זאל שטארק מכוון זיין ווען מען עס עפעס גייענדיג אויף דעם וועג................................ ט"ו
כג. דורך לערנען תורה אין וועג קען מען זוכה זיין צו מורא'דיגע זאַכען................................................................ טז
כד. אפילו בלויז אַ גוטער הרהור פון תורה ברענגט ליכטיגקייט אויפן מענטש................................................... טז
כה. אויב מ'עסט עפּעס אונטערוועגנס זאָל מען שטאַרק מכוון זיין ...... יז
כו. מ'זאָל זייער מקפיד זיין ווי מ'גייט ליגען באַגראָבען, נעבן ווע‍מען................................................................. יז
כז. אויב מ'איז באַגראָבען נעבן אַ רשע הערט מען נישט סודות התורה.................................................................. יח
כח. ביים לעבן זאָל מען קויפן קרקע און וויסען נעבן וועם מ'וועט ליגען, און מ'זאָל ביים לערנען דאָרט תורה................... יח
כט. אַ מורא'דיגע מעשה פון החסיד רב עמרם........................ יח

❖ ❖ ❖

# פרק ה׳

## אין דעם פרק ווערט דערקלערט:

**אַז די גרעסטע ליבשאַפט פון אַ חבר איז, ווען ער זעט זיין חבר איז עובר אַן עבירה זאָל ער אים זאָגן מוסר.**

**א. ואהבת** לרעך כמוך (דברים ו, ה) - אונזערע חכמים זאָגן אונז (תו״ת כהנים, פרשת קדושים, ד) אַז דער פסוק איז אַ גרויסער כלל אין דער תורה, אַז יעדער מענטש זאָל ליב האָבן זיין חבר אזוי ווי זיך אליין. און עס איז נישט פאַרהאַן קיין גרעסערע ליבשאַפט, ווי ווען אַ מענטש זעט זיין חבר טוען אַן עבירה מוסר׳ט ער אים וועגן דעם, ווייל די נשמות פון אידן זענען געקניפט און באַהאָפטן איינע מיט די אַנדערע.

**ווען אַ מענטש איז פוגם זיין נשמה, קען זי נישט געפינען איר רוה אויף יענער וועלט.**

**ב. אבל,** אָבער, דער דערמאַנטער כלל איז, אַז דער מענטש וואָס ווייסט די אַלע שטראָפן, צרות און יסורים וואָס באַגעגענען די נשמה פון מענטשן נאָכן שיידן זיך פון גוף, מוז ער אים דאָס מודיע זיין. אפשר, דורך דעם וועט אויך זיין חבר זוכה זיין צו פאַרלאָזן דעם שלעכטן וועג און תשובה טאָן.

**די לופט פון דער וועלט איז פול מיט נשמות פון מענטשן וואָס קענען נישט קומען צו זייער רוה.**

**ג. והנה,** אין דעם פרק וועל איך שרייבן וועגן דעם עונש פון דער נשמה וואָס דער מענטש איז איר פוגם אויף דער וועלט. וויסן זאלסטו אַז דער אַויר פון דער וועלט איז פול מיט די נשמות פון מענטשן וואס קענען ניט קומען צו זייער רו-אָרט. און ווי די תלמידים

פון האַר״י ז״ל האָבן עדות געזאָגט אין נאָמען פון רבין זייעון (עמק המלך, הקדמה ג, פ״ד), אַז ער האָט זיי געזאָגט:

## אַלע בוימער זענען פול מיט נשמות אָן אַ צאָל

**ד. דעו,** איר זאָלט וויסן אַז דער אַוויר און חלל פון דער וועלט איז פול מיט אַזעלכע נשמות וואס זענען אַוועק געשטויסן פון זייער מחיצה, דעריבער קענען זיי נאך נישט קומען צו זייער רוה-אָרט.

**אַמאָל** איז דער האַר״י ז״ל געגאַנגען לערנען תורה אין פעלד, האָט ער געזען אַז אַלע בוימער זענען פול מיט נשמות וואָס האָבן גאָר קיין צאָל נישט. אזוי זענען זיי געווען אויפן פעלד ווי אויך אויפן וואַסער דערלעבן.

## מיר זענען נע-ונד אויף דער ערד און אין אַוויר פון הימל.

**ה. ושאל,** האט דער האַר״י ז״ל זיי געפרעגט, וואָס זיי טוען דאָ? האָבן זיי אים געענטפערט: זיי זענען ארויסגעשטויסן געווארן פון דער הייליגער מחיצה, ווייל זיי האָבן קיין תשובה נישט געטאָן אויף זייערע זינד. זיי האָבן אויך פארמיטן זייערע חבריב פון טאָן תשובה. מיר זענען נע-ונד אויף דער ערד און אין אַוויר פון הימל.

## זייט אונז מתקן מיר זאָלן קענען קומען צו אונזער רוה און נישט ליידן מער.

**אַצינד** האָבן מיר געהערט אַ בת-קול וואָס האָט אויסגערופן אין אַלע עולמות אַז עס איז פאַרהאַן אַ צדיק אויף דער וועלט, איער האַר״י ז״ל, וואָס איז בכוח מתקן צו זיין די נשמות וואָס זענען אוועקגעשטויסן. דעריבער האָבן מיר זיך איינגעזאַמלט אַהער צו בעטן פון אייך איר זאָלט זיך מרחם זיין אויף אונז און מתקן זיין, מיר זאָלן קענען קומען צו אונזער רוה-אָרט און נישט ליידן מער אַזאַ גרויסן צער. דער האַר״י ז״ל האָט זיי צו געזאָגט צו טאָן פאַר זיי וואָס עס וועט נאָר זיין מעגלעך.

**דער** האַר״י ז״ל האָט די געשעניש שפעטער דערציילט זיינע תלמידים, ווייל זיי האָבן נאר געזען ווי ער פרעגט די נשמות, אָבער זיי האָבן נישט געוואוסט וועמען ער פרעגט און ווער עס ענטפערט.

## דער צדיק דאַווענט מיט כוונה גייט זיין תפילה אַרויף אונטערן כסא הכבוד

**ו. ובחיבורו**, און אין זיין ספר שרייבט דער האַר״י, אַז די נשמות קענען האָבן אַן עליה דורך דער תפילה פון אַ צדיק ווייל דער צדיק דאַווענט מיט כוונה גייט זיין תפילה אַרויף אונטערן כסא הכבוד.

**ז. ואז**, און דעמאלטס ווערט די תפילה באַקליידט מיט פיל נשמות און זיי באַהעפטן זיך מיט דער תפילה.

## פיל נשמות ווערן אַרומגעוויקלט און באַהאָפטן מיט דער תפילה פונעם אָרעמאַן און צדיק.

**ח. כמו**, ווי עס שרייבט דער זוהר הקדוש (ח״א כג, ב; ח״ג קצה, א) אויפן פסוק: תְּפִלָּה לְעָנִי כִּי יַעֲטֹף וְלִפְנֵי יְיָ יִשְׁפֹּךְ שִׂיחוֹ (תהלים קב, א): דאָס פיל נשמות ווערן אַרומגעוויקלט און באַהאָפטן מיט דער תפילה פונעם אָרעמאַן און די תפילה פונעם צדיק, וואָס זיי גייען אַרויף מיט גרויס פלאַם, וואָס פארברענט אַלץ אַרום זיך, אַז אַפילו די סטרא אַחרא פאָרכט זיך צו דערנענטערן צום אָרט וואו עס געפינט זיך די תפילה פונעם אָרעמאַן און צדיק. דעריבער גייען ארויף מיט דער תפילה די נשמות וואָס זענען אַוועקגעשטויסן געוואָרן פון זייער מחיצה.

**ווען די נשמה פון צדיק גייט דורך דעם גיהנם כאַפן זיך אין איר אָן פאַרלוירענע נשמות.**

**און אַזוי** אויך מיט דער נשמה פון צדיק, ווען ער גייט אַוועק פון דער וועלט, גייט ער דורך דעם גיהנם, כדי דורך זיין זכות, זאָלן זיך אין זיין נשמה אָנכאפּן די פאַרלאָרענע נשמות און וועלן מיט גיין מיט אים.

**גאַנצע מחנות נשמות זענען אויפגעגאַנגען פון די קבר׳ים אַרויפצוגיין אין גן-עדן.**

**ט. וכן,** און אַזוי האָט אויך דערציילט דער חסיד ר׳ גדליה ז״ל (אור צדיקים, עמוד גמילות חסדים פ״ה), וואָס ער איז געווען פון די תלמידים פון האַר״י ז״ל, אַז יעדן ערב שבת פלעגן זיי גיין אונטער דער שטאָט, כדי דאָרטן מקבל שבת זיין.

**אַמאָל** האָט דער אַר״י ז״ל דערציילט די וואונדער וואָס ער האָט געזען פיל מאל, אַז ווען ער איז געשטאַנען אויפן שפּיץ באַרג אונטער דער שטאָט צפת, האָט ער פון דאָרט געזען דעם בית הקברות, וואו גאַנצע מחנות נשמות זענען אויפגעגאַנגען פון די קברים אַרויפצוגיין אין גן-עדן. ער האָט אויך געזען פיל טויזנטער נשמות, וואָס האָבן גאָר קיין צאָל נישט, זענען זיי אַנטקעגן געגאַנגען פון הימל, און דאָס זענען די נשמות יתירות וואָס זיי ווערן געמאַכט איטלעכן שבת צו די ערלעכע לייט. צוליב די פארמישונג פון די געוואַלדיגע גרויסע מחנות פון נשמות און חיילות, וואָס ער האָט געזען, זענען זיינע אויגן שיעור טונקל געווארן, דעריבער האָט ער געמוזט פארמאַכן זיינע אויגן און פונדעסטוועגן האָט ער זיי פאָרט געזען.

## די תפילות פון צדיקים זענען אַ גרויסע הילף פאַר די פאַרשטויסענע נשמות.

**י. והנה,** מיר זעען אין די רייד פון די תלמידי האר"י ז"ל, אַז די תפילות פון צדיקים זענען אַ גרויסע הילף פאַר די נשמות וואָס ווערן אַוועקגעשטויסן פון דער הייליגער מחיצה, און עס איז נישטאָ קיין גרעסערער גמילות חסד פון דעם.

## דער גענאָד פון באַשעפער איז אומבאַגרענעצט און איטלעכער איז באַרעכטיקט צו דעם.

**יא. ואף,** און כאָטש מיר זענען דאָך נישט אַזעלכע צדיקים ווי די ערשטע דורות זענען געווען. הלוואַי זאָל אונזער תפילה העלפן פאַר אונזערט וועגן אַליין צו פאַר געבן אונזערע זינד, וואָס מיר האָבן דערצאָרנט השם יתברך, מיט ווידערשפעניקונג און פעלשונג. פונדעסטוועגן, גאָט וואָס ווייסט די גוטע מחשבות, וועט העלפן, אַז אונזער תפילה זאָל אויך זיין צוזאַמען מיט די וואָס זייער תפילה איז מזכה די נשמות וואָס זענען אַוועקגעשטויסן געווארן, ווייל דער גענאָד פון באַשעפער איז אומבאַגרעניצט, און יעדער מענטש איז באַרעכטיקט צו דעם, אַליין זוכה זיין און מזכה זיין אויך אַנדערע.

## עס זאָלן זיך ענדיקן די זינד אָבער נישט די זינדיגער.

**און בוודאַי** אַז אַ מענטש דאַרף מתפלל זיין אויף די רשעים פון זיין דור זיי זאָלן תשובה טאָן, ווי עס ווערט געברענגט אין דער גמרא ברכות (י, א), אַז ברוריא, די פרוי פון רבי מאיר האָט געזאָגט, עס שטייט אין פסוק (תהלים קד, לה): יתמו חטאים, עס זאָלן זיך ענדיגן די זינד, אבער נישט די זינדיגער - די מענטשן וואָס זינדיגן. (ד.מ. זיי זאָלן נישט שטאַרבן אָהנע תשובה)

### דיין האַנט איז אויסגעשטרעקט מקבל צו זיין די וואָס טוען תשובה.

**יב. על כן,** דעריבער וועל איך צוגרייטן פאַר דיר, פאַר יעדן כוונתשן, צו זאגן די תפילה, ביי די ברכה פון: הֲשִׁיבֵנוּ אָבִינוּ לְתוֹרָתֶךָ וְקָרְבֵנוּ מַלְכֵּנוּ לַעֲבוֹדָתֶךָ, זאָל ער זאָגן: יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ, עס זאָל זיין דער ווילן פון אונזער גאָט און דער גאָט פון אונזערע עלטערן, שתחתור חתירה מתחת כסא כבודך, דו זאָלסט אויסגראָבן אַ דורכגרוך אונטער דיין כסא הכבוד, לתשובה, פאַר דער תשובה פון פלוני בן פלוני, דער און דער מענטש, וכל העוברים על מצותיך, און אַלע וואָס האָבן עובר געווען אויף דיינע מצות, יהפך לבבם לעשות רצונך בלבב שלם, זאָלן זייערע הערצער איבערגעקערט ווערן צו טאָן דיין ווילן מיטן גאַנצן האַרץ, כי ימינך פשוטה לקבל שבים, ווייל דיין האַנט איז אויסגעשטרעקט מקבל צו זיין די וואָס טוען תשובה, והחזירנו בתשובה שלמה לפניך, און קער אונז אום צו דיר מיט אַ ריכטיגע תשובה, און אויספירן ברוך אתה יי הרוצה בתשובה, געלויבט ביסטו גאָט וואָס דו באַגערסט מ׳זאָל תשובה טאָן.

**דעמאָלטס** וועט דער מתפלל אַליין אויך דערוועקט ווערן צו טאָן תשובה אויף זיינע זינד, כדי מען זאָל אים נישט זאָגן קודם שטראָף זיך אַליין, און נאָכער וועסטו שטראָפן אַנדערע, דעריבער זאָל ער זאגן די תפילה מיט די גאַנצע כוונה פון דאַרץ, דעמאָלטץ וועט דער בעל הרחמים, דער באַשעפער, מיט זיינע גרויסע חסדים און רחמים אָנעמען זיין תפילה.

### דאָס האַרץ איז מכוון קעגן דעם שם הוי״ה און דאָס מויל קעגן שם אדנ״י.

**יג. ואף,** און כאָטש וואָס מען דאַרף צו אַזאַ תפילה ספעציעלע כוונות און יחודים, אבער צוליב דעם וואס מיר זענען נישט

באקאַנט מיט די שמות און זייער צונויפשטעלונג, וואָס זיי ברענגען אַ גרויסע הילף, פונדעסטוועגן זאָל דער מענטש מתפלל זיין אין קורצן זיין בקשה מיטן טראַכטן פון האַרץ, ווייל אַזוי איז גלייך און רעכט פאַר אַלע וואָס זענען מתפלל, און ער זאָל נישט אַלץ ארויס זאָגן מיט׳ן מויל. עס איז זייער וויכטיג, אַז פאַרן געבעט זאָל דער בעטער זאָגן: לְשֵׁם יִחוּד קוּבְּ״הְ וּשְׁכִינְתֵּיה. דאָס האַרץ איז מכוון קעגן דעם שם הוי״ה, און דער מויל איז מכוון קעגן דעם שם אדנ״י, ווי באַוואוסט.

## דאַווענען מיט׳ן מויל אָן די כוונה פון הארץ איז אַ גרויסער פגם

**יד. ועל זה,** און אויף דעם שטייט אין זוהר (ח״א קסט, א), אַז דאָס איז געווען די כוונה פון דוד המלך ע״ה, וואָס ער האָט געזאָגט אַז זיין זאָגן מיטן מויל און טראַכטן מיטן האַרץ, זאָל זיין לרצון פאַר דיר גאָט, מיין באַשעפער און אויסלייזער, (ד.מ. דער פסוק וואָס מ׳זאָגט נאָך שמונה עשרה ״יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך ד׳ צורי וגואלי״). ווארום דאָס איז אַ גרויסער יחוד צו פאראייניגן אין איינעם דאָס מויל מיטן האַרץ. און פון דעם וועסטו קענען פאַרשטיין דעם גרויסן עונש און פגם פון דעם וואָס זיין האַרץ איז אָפּגעטיילט פון מויל. דאָס מיינט מען די וואָס דאַווענען מיטן מויל אָבער אָן די כוונה פון האַרץ.

**אָדער** דער וואָס רעדט מיט זיין חבר מיטן מויל, אָבער אין האַרץ מיינט ער גאָר עפּעס אַנדערש. דער זינדיגט א גרויסע זינד, ער צעטיילט די צוויי אויבנדערמאנטע שמות (תיקונים, תיקון יח, לה, א), השי״ת זאָל אונז אָפּהיטן פון אַזאַ זאַך. השי״ת וועט דאך נאָכפאָרשטן וועגן דעם, און ברענגען דעם מענטש צו משפט. און די עבירה איז גלייך צו די זינד פון די אַפּיקורסים און קראָים, וואָס זיי גלייבן נישט אין דער גמרא וואָס זי איז די תורה שבעל-פה.

**דער וואָס רעדט מיטן מויל אָבער דאָס האַרץ טראַכט אַנדערש, ווערט פון אים אַרויסקומען קינדער אַפּיקורסים.**

**טו. ואם כן,** דעריבער זאָל דער מענטש פאַרשטיין, אַז דער וואָס געוואוינט זיך איין צו רעדן מיטן מויל און דאָס האַרץ מיינט אַנדערש, וועלן פון אים זיכער אַרויסקומען קינדער אַפּיקורסים, וואָס זיי וועלן פאַרלייקענען אונזער הייליגער תורה. אַ חוץ דעם, טוט ער זיך שיידן פון דער אויבערשטער קדושה, און עס ווערט פון אים פאַרלאָרן אַ טייערע זאַך וואָס איז געזאָגט געוואָרן אויף אידן, אז אלע זענט באַהאָפטן אין דעם לעבעדיגן גאָט. דאָס מיינט אַזוי ווי ווען אַ מענטש באַהעפט גוט זיין גאַרטל אויף זיינע לענדן, קען נישט אַריינקומען קיין שום ערד און אַש צווישן גאַרטל און צווישן זיין קלייד, אַזוי אויך דאָס אידישע פאלק ווען זיי זענען באַהאָפטן צו השם יתברך מיט זייערע וועגן און מעשים, דעמאָלטץ קען ניט קומען קיין שום מקטרג מאַכן אַ צווישן-שייד צווישן אידן און השם יתברך, אַזוי ווי עס שטייט אין זוהר פרשת פקודי (רכה, א).

**השי״ת גיט אַכט אויף די צדיקים כדי די נישט גוטע זאָלן זיך נישט דערנענטערן צו זיי.**

**יז. ר׳ אַבּא** און ר׳ אַחאַי און ר׳ יוסי זענען געגאַנגען אין וועג פון טבריא קיין צפורי. אויפן וועג האָבן זיי געזען אַז ר׳ אליעזר און ר׳ חייא קומען. האָט ר׳ אַבּא געזאָגט מיר וועלן זיך פאַראייניקן מיט זיי און דורכדעם זיך באַהעפטיגן מיט דער שכינה. האָבן זיי געוואַרט ביז ר׳ אליעזר און רבי חייא זענען געקומען צו זיי. האָט רבי אַבּא געזאָגט עס שטייט אין פסוק (תהלים לד, טז): עיני ה׳ אל צדיקים״ - השם יתברך גיט אַכט אויף די צדיקים אַז די סטרא אַחרא, די נישט גוטע, זאָלן זיך נישט דערנענטערן צו די צדיקים. און איצט איז דאָ די הילף פון הימל און די אויבערשטע השגחה געפינט זיך דא, און די נישט-גוטע קענען נישט געוועלטיגן.

## ווען זיי זעען די צדיקים וואָס זענען אָנגעקניפּט אין גאָט, קערן זיי זיך אום.

**האָט רבי** אלעזר געזאָגט, עס שטייט אין פסוק (הושע ב, א): ״וְהָיָה מִסְפַּר בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כְּחוֹל הַיָּם״ - און די צאָל פון די קינדער פון ישראל וועלן זיין אַזוי ווי די זאַמד פון ים. דאָס מיינט: אַזוי ווי די כוואַליעס פון ים, וואָס גייען אויף מיט שטורעם און צאָרן און ווילן פאַרפלייצן די וועלט, אָבער ווען זיי דערגרייכן דעם ברעג און זעען דאָס זאַמד פון ים, קערן זיי זיך באלד אום אויף צוריק און צו שפרייטן זיך, אָן די מעגלעכקייט צו פאַרפלייצן די וועלט. אַזוי זענען די צדיקים אויך, וואָס די מזיקים און מקטריגים וואָס ווילן געוועלטיגן און פאַרפלייצן די וועלט, אָבער ווען זיי זעען די צדיקים וואָס זענען אָנגעקניפּט אין גאָט ברוך הוא קערן זיי זיך אום און ווערן צעבראָכן פאַר זיי, און קענען נישט געוועלטיגן אין דער וועלט.

## אידן דורך תשובה און מעשים טובים מאַכן זיי זייער זינד ווייס.

**יח. ומה,** און נאָך זענען אידן געגליכן צו די זאַמד פון ים, אַזוי ווי די זאַמד פון ים איז איינגעזאַמלט אַרום דעם ים און איז זייער ווייס, אַזוי אויך אידן דורך תשובה און מעשים טובים מאַכן זיי זייער זינד ווייס, אַזוי ווי עס שטייט אין נביא ישעיה (א, יח): ״אִם יִהְיוּ חֲטָאֵיכֶם כַּשָּׁנִים, כַּשֶּׁלֶג יַלְבִּינוּ״ - אויב אייערע זינד וועלן זיין אַזוי רויט ווי א רויטער פאָדעם, וועלן זיי ווערן ווייס ווי שניי. ווייל דורך די מצוות און מעשים טובים וואָס די אידן טוען אויף דער וועלט רינגלען זיי אַרום די דינים (דעם צאָרן) וואָס איז פאַראַן איבער זיי, און זיי ווערן איבער געגעבן אין זייערע הענט. נאָך מער זיי קערן איבער מדת הדין צו רחמים, און דער קטיגור (פראקוראר) ווערט גאָר אַ פאַרטיידיגער.

**יט. מה שאין כן,** אָבער אַז די מענטשן פון דער וועלט רעדן מיטן מויל גוטס און מיטן הארץ מיינען זיי אַנדערש,

דעמאָלטץ איז אַרום זיי נישט פאַרהאַן קיין היטונג און מויער, און די שלעכט זאָגער שטאַרקן זיך, און דער צארן ווערט אַלע מאָל געשטאַרקט, רחמנא לצלן. דאָס רחמנות ווערט געמינערט. מע־ נאָך, זיי דערנעענטערן די מדה פון רחמנות צום צאָרן חס ושלום.

## יעדער זאל טאָן תשובה לויט זיין יכולת...

**כ. על כן,** דעריבער וועקט זיך מיינע ברידער און פריינט, און יעדער זאָל טאָן תשובה לויט זיין יכולת, און טאָן מער גוטע זאַכן און לערנען אַ סך תורה, און דאַווענען מיט כוונה, ווי אויך מתפלל זיין פאַר זיינע חברים, אַז זיי זאָלן תשובה טאָן, דעמאָלטץ וועט זיין ווי אַ באַרג און זאַמד קעגן די כוואַליעס פון ים. דאָס מיינט מען די מקטריגים, אָדער ליידנשאַפטן, וואָס ווילן פאַרדאַרבן די וועלט, וועט זייער כוח שוואַך און צעשטערט ווערן, און דעמאָלט וועט זיין רווח און הצלה און שמחה, אָמן כן יהי רצון.

ശ ശ ശ

# פרק ו'

**אין דעם פרק ווערט דערקלערט אַז דער וואָס וויל זיך רייניגן העלפט מען אים פון הימל. - די וויכטיגקייט פון לערנען תורה ווען מען גייט אויפ'ן וועג. - מען זאָל שטארק מכוון זיין ווען מען עס עפעס גייענדיג אויף דעם וועג.**

**הבא לטהר,** דער וואָס קומט זיך צו רייניגן צו הקב"ה העלפט מען אים פון הימל דאָס מיינט מען אַז דער מענטש גייט צו טאָן אַ מצוה אָדער אַז ער גייט אין וועג צו לערנען תורה כאָטש ער איז אַליין ווערן צו אים באַהאָפטן נשמות אַזוי ווי עס שטייט אין זוהר בראשית.

**ב. רבי אליעזר,** רבי אליעזר איז געגאַנגען צו רבי יוסי בן לקוניא דער שווער פון רבי אליעזר. און רבי אַבא איז אויך געווען מיט אים, און אַ מענטש איז נאָך געגאַנגען נאָך זיי, און האָט געטראָגן אַ משא אויף זיך. האָט רבי אַבא געזאָגט לאָמיר רעדן אין תורה, ווייל יעצט איז די צייט צו לערנן תורה, האָבן זיי מחדש געווען פיהל חידושים אין דער תורה, און דער מענטש וואָס איז זיי נאָך געגאַנגען האָט זיי מגלה געווען פיל סודות פון דער תורה. זענען געקומען רבי אליעזר און רבי אַבא און האָבן אים געקושט, האָבן זיי צו אים געזאָגט, ווער ביסטו. דען אַזוי פיל חכמה איז פאַרהאַנען ביי דיר, און דו גייסט און טראָגסט אַזאַ משא אויף דיר. האָט ער זיי געענטפערט מיינע רבי'ס, איר זאָלט מיר נישט פרעגן ווער איך בין, נאָר לאָמיר גיין און לערנען תורה. און ער האָט זיי מגלה געווען גרויסע סודות. האָט רבי אליעזר און רבי אַבא זיך געפרייט, און האָבן צו אים געזאָגט, גיי דו רייט אויף דעם אייזל, און מיר וועלן דיר נאָך טראָגן דיין משא, האָט דער מענטש זיי געענטפערט איך מוז דאָס אַליין טראָגן ווייל מען האָט מיר אַזוי אָן געזאָגט.

**ג. אמרי ליה,** האָבן זיי צו אים געזאָגט, דיין נאָמען האָסטו אונז נישט געזאָגט, זאָג אונז דאָס אָרט וואו דו זיצט, האָט ער צו זיי געזאָגט דאָס אָרט וואו איך זיץ איז גוט און דאָס איז אַ טורעם וואָס דאָרטן וואוינט הקדוש ברוך הוא מיט אַ אָרימאן דאָס איז משיח וואָס ער ווערט גערופן עני ורוכב על החמור.

**האָבן** רבי אליעזר און רבי אַבא געוויינט און האָבן אים געקוקט און זיי זענען ווייטער געגאַנגען און ער האָט זיי נאָך סודות מגלה געווען און רבי אליעזר און רבי אַבא זענען געפאַלן אויף זייער פנים, דערווייל האָבן זיי שוין דעם מענטשן מער נישט געזען און האָבן געקוקט אויף אַלע זייטען אָבער אים מער נישט געזען, זענען זיי געזעצן און האָבן געוויינט און האָבן נישט געקענט רעדן איינער צום אַנדערען איין גאַנצע שעה.

## דורך לערנען תורה אין וועג
## קען מען זוכה זיין צו מורא'דיגע זאַכען

**ד. לבתר,** דערנאָך האָט רבי אליעזר געזאָגט, עס איז אמת וואָס מיר האָבן געלערנט אַז אין יעדע וועג וואָס צדיקים גייען און רעדן דברי תורה דעמאָלטץ קומען צדיקים צו זיי פון דער אויבערשטער וועלט דאָס איז געוויס געווען רב המנונא סבא דאָס ער איז געקומען צו אונז פון יענער וועלט אונז מגלה צו זיין די דאָזיגע רייד און דער נאָך איז ער פאַרהוילן געוואָרן פון אונז.

## אפילו בלויז אַ גוטער הרהור פון תורה
## ברענגט ליכטיגקייט אויפן מענטש

**ה. אם כן,** איז פון דא אַ ראיה אַז די נשמות פון די צדיקים באַהעפטן זיך צו די וואָס טוען מצוות און לערנען תורה. און דעם כלל נעם דיר, אַז יעדער גוטע הרהור און גוטע מחשבה טוט איין פעולה צו דערוועקן אויף זיך די ליכטיקייט פון דער אויבערשטער קדושה. מכל שכן מיט איין גוטן דבור אַזוי וואָס דער וואָס גייט אין

וועג און לערנט תורה דעמאָלץ איז אַ גרויסע הילף צו די נשמות וואָס זענען אַוועקגעשטויסן, דען עס איז פאַרהאַנען אַזעלכע נשמות וואָס זענען אַוועקגעשטויסן פון דער הייליגער מחיצה און ווערן מגולגל אין באַהעפט זיך אין גראָז און אין די פּירות וואָס וואַקסן אויף דער ערד און די פרות וואָס וואַקסן אויף דיביימער.

## אויב מ'עסט עפּעס אונטערוועגנס זאָל מען שטאַרק מכוון זיין

**ו. וביון,** און אַז דער מענטש מאַכט אַ ברכה איבער דער פרי אָדער ער לערנט תורה ווערן די נשמות אָנגעקליידט אין דעם גוטן דיבור און גייען אַרויס פון דעם גלגול.

**אויך** קען מען אָפּלערנען פון דעם זוהר וואָס פריער איז געשטאַנען אַז עס איז זייער גרויס די מצוה פון צו באַהעפטן זיך אויף דעם וועג מיט די תלמידי חכמים און צו הערן תורה פון זייער מויל ווייל די שכינה רוהט צווישן די אַנשים כשרים ביי זייער לעבן און אויך נאָך זייער טויט.

## מ'זאָל זייער מקפיד זיין ווי מ'גייט ליגען באַגראָבען, נעבן וועמען

**ז. וכבר,** און מיר געפינען אַז די מענטשן פון די ערשטע דורות האָבן מקפיד געווען אין זייער קבורה אויף וועלכע אָרט מען זאָל זיי באַהאַלטן אַזוי ווי יעקב אבינו עליו השלום האָט געזאָגט, איך וועל ליגן מיט מיינע עלטרן און זאָלסט מיך באַגראָבן נעבן מיינע עלטרן און דער ענין דערפון איז אַז די נשמות פון די מענטשן שוועבן אויף דעם קבר, און יעדע נאַכט איז מען פון הימל זיי מודיע סודות התורה, און אין ספר חסידים שטייט דערוועגן.

## אויב מ'איז באַגראָבען נעבן אַ רשע הערט מען נישט סודות התורה

**ח. בצדיק אחד,** איין צדיק איז געווען באַגראָבן צווישן רשעים, איז ער אַלע נעכט געקומען אין חלום צו זיינע ליבהאָבער און צו זיינע קרובים און האָט צו זיי געשריגן מיט אַ געוויין אַז זיי זאָלן אים פון דאָרט ארויסנעמען, און דער צדיק האָט געגעבן אַ טעם דערויף: דאָס ווייל אַרום אים ליגן רשעים דורך דעם פאַרמייד מען פון אים מודיע צו זיין סודות התורה און זיין לייב איז דאָרט אָן קיין שום פייכטקייט. און זיינע קרובים האָבן פון אים קיין מנוחה נישט געהאַט ביז זיי האָבן אים געמוזט אַרויס נעמען פון דעם קבר און אים אַריבערפירן אין אַן אַנדערע אָרט.

## ביים לעבן זאָל מען קויפן קרקע און וויסען נעבן וועמ'וועט ליגען, און מ'זאָל ביים לערנען דאָרט תורה

**ט. ועל כן,** און דעריבער די ערשטע חסידים וואָס זענען געווען אין ארץ ישראל ביי זייער לעבן פלעגן זיי זיך קויפן איין קרקע אויף דעם בית החיים נעבן אַן אָרט וואָס צדיקים זענען דאָרט באַגראָבן, און פלעגן זיי זיך פירן צו מתפלל זיין אויף דעם ארט און פלעגן דאָרטן זאָגן אַביסיל דברי תורה און געבן צדקה און דערמיט פלעגן זיי מטהר זיין און הייליגן דאָס אָרט וואָס עס איז אָנגעגרייט זיי זאָלן דאָרט באַגראָבן ווערן. און וועגן דער קדושה פלעגן זיי גורם זיין אַז דער סטרא אַחרא זאָל נישט גיין נאָך זייער טויט צו דעם אָרט.

## אַ מורא'דיגע מעשה פון החסיד רב עמרם

**און אויך** געפינען מיר ביי החסיד רב עמרם פון דער שטאָט קעלין דאָס ער האָט געלאָזט אַ צוואה אַז מען זאָל אים נאָכן שטאַרבן אַריין לייגן אין אַן אָרון און מען זאָל אים לייגן אין אַ שיף און מען זאָל די שיף לאָזן אויף דעם טייך און קיין מענטש זאָל מיט די שיף נישט פאָרען נאָר אַ בריוו זאָל מען אין די שיף אַריין לייגן, אַז דער מת

איז הגאון רבי עמרם, איז די שיף געגאַנגען ביז קהילה קדישה מענץ, ווייל דאָרט איז געלעגן זיין פאָטער און מוטער אויף דעם בית החיים ביי דעם קבר פון רבי יהודה החסיד.

**ווי די שיף** איז געקומען קיין מענץ איז די גאַנצע שטאָט געוועזן זייער פאַרוואונדערט וואָס דאָס איז אַז אַ שיף זאָל אַליין גיין אויף דעם וואַסער, און זי איז געבליבן שטיין אין מיטן טייך קעגן דער שטאָט מענץ. האָבן זיי דאָס מודיע געווען צו דעם שררה פון דינם שטאָט, האָט ער געהייסן זיינע שיף לייט זאָלן פאָרן אויף זייערע שיפן און זאָלן ברענגען די שיף.

**ווי די** שיפערס זענען צוגעפאָרן צום שיף וואָס רב עמרם איז געווען אין דעם, האָט דער שיף אָנגעהויבן צוריקגיין און די שיפערס האָבן נישט געקענט צוקומען צו איר. האָט דער שררה געזאָגט דאָס כוז זיין א איד, און האָט געזאָגט צו זיינע קנעכט, גיי שנעל רופט מיר אַהער די אידן זיי זאָלן דעם שיף נעמען, ווייל קען זיין דאָס איז אַ איד, און וויל ליגן אויף דעם בית החיים און מענץ. זענען די אידן אַרויס געגאַנגען און געפאָרן צו דער שיף, ווי נאָר די אידן זענען געקומען איז די שיף אַליין געקומען צו דעם באָרטן. האָבן די אידן גענומען דעם חסיד רב עמרם מיט דער שיף, און זיי האָבן געטראָפן די בריוו וואָס זיינע תלמידים האָבן געשריבן, און אַזוי איז דאָרטן געשטאַנען:

**מיינע ברידער** און מיינע פריינט וואָס וואוינען אין קהילת הקודש מענץ, איר זאלט וויסן, אז איך רב עמרם, קום צו אייך, דען מיין נשמה איז מיר אויס געגאַנגען אין דער שטאָט קעלין. און איך בעט אַז איר זעלט מיר באַגראָבן ביי דעם קבר פון מיין פאָטער און מוטער. ווי די אידן פון ק"ק מענץ האָבן דאָס דערזעהן האָבן זיי געוואָלט נעמען דעם אָרון מיט דעם מת און אים אַרויף טראָגן אויף דעם בית הקברות אים צו לייגן ביי זיין פאָטער און מוטער אזוי ווי זיין צוואה איז געווען, האָט דער שררה געהייסן מען זאָל נישט לאָזן נעמען

דעם אָרון מיט דעם מת, האָבן זיך צונויף געקליבען די שטאָט לייט און מיט געוואַלד אַוועקגענומען דעם אָרון מיט דער מת. און האָבן געשטעלט אַ גרויסע שמירה מען זאָל קיין איד נישט לאָזן צוזרעטן צום מת, אַזוי זענען די אידן זייער טרויעריג געוואָרן און פון גרויס צער האָבן זיי נישט געוויסט וואָס צו טאָן, ווי אַזוי זיי זאָלן דעם חסיד רב עמרם אַרויס קריגן. און דער שררה מיט זיינע לייט האָבן דאָרט אַ גרויסן בנין אויף געבויט צו זייער געבעט הויז און האָבן געבויט אַ גרויסן טורעם און ביז היינט רופט מען עס נאָך עמרם טורעם, אָבער די אידן האָבן מיט די אויבערשטערס הילף דעם חסיד רב עמרם געראַטעוועט דען דער חסיד האָט זיי נישט געלאָזט צו רוה ביז זיי האָבן אים געמוזט ראַטעווען.

**פון דער** מעשה קען מען זיך לערנען אַז די מתים זענען מדקדק זיי זאָלן נישט ליגן נאָר נעבן גוטע לייט, און אַוודאי און אַוודאי זאָלן די לעבעדיגע לייט זעהן זיך צו בעהעפטן מיט אַ גוטע חבורתא און נישט מיט קיין רשעים און לצים. אַזוי ווי די אַנשי ירושלים פלעגן זיך פירן דאָס זיי פלעגן נישט זיצן ביי קיין דין אָדער סעודה ביז זיי פלעגן וויסן ווער עס וועט זיצן נעבן זיי, ווייל, פיל שלעכטס קומען פון דאָס וואָס מען זיצט נעבן די רשעים, ווייל זיי רעדן רכילות און ליצנות, און בפרט נישט מיט די זולל וסובא לייט.

**י. ויאמר,** און דעריבער האָבן אונזערע חכמים געשריבען אַז אַ מענטש זאָל זאָגן יעדען טאג די תפילה: (דאָס איז די תפלה פון נאָך ברכות השחר - שתצילנו היום וכו' מעזי פנים מאדם רע וכו').

***יהי רצון,*** עס זאל זיין דער ווילן פון ג-ט אַז דו זאָלסט מיר היינט ראַטעווען פון שלעכטע מענטשן, און פון אַ ווייב באַגעגעניש און פון אַ שלעכטע, דאָס האָבן זיי געמיינט, כדי ער זאָל זיך נישט באַהעפטן מיט שלעכטע מענטשן, און זאָל זיך דערווייטערן פון די חברותא פון די פעלטשערס וואָס באהעפטן זיך צו גיין מיט די

רייד פון קריג צו מאכן קריגערייי צווישן לייט און דאָס פייער פון גהינם איז צווישן זיי, צו אָנרייצן קריג, און גאָר זייער מחשבה איז נאָר נו בייז. און אַפילו ווען זיי זענען אין שול, זענען זיי פול מיט פלענער ווי אַזוי צו געפינען עצות שלעכטס צו טאָן צו די ערליכע מענטשן וואָס זיי גייען און די וועגן פון ג-ט.

**ווי איז** צו זיי, און צו זייערע נשמות, ווייל פלוצלונג וועט קומען דער טאָג וואָס די ראָד וועט אויף זיי פאַרקערט ווערן דאָס מיינט זייער גליק וועט פעלן, און די דינים וועלן זיך שטאַרקן איבער זיי, און זיי וועלן ארים ווערן, און וועלן זיין צו שאַנד און קיינער וועט זיך איבער אים נישט דערבאַרימען פון וועגן די בייזע גזירות וואָס ג-ט ברוך הוא וועט אויף אים גוזר זיין. און דער וואָס פאָרכט זיך און איילט זיך צו טאָן ג-טס רייד, זאָל זיך דערווייטערן פון זיי און פון זייער פאַרזאַמלונג, און פון דעם קול פון זייער ברומונג און זאָל נישט צוהערן צו זייערע עצות און זאָל מיט זיי נישט גיין, און אַוודאי זיך נישט באַהעפטן מיט זיי. נאָר ער זאָל זיך באַהעפטן מיט די לייט וואָס פאָרכטן זיך פאַר ג-ט און איילן זיך צו טאָן ג-טס רייד, פון זיי לערנט אייך דעם וועג פון לעבן, און אויף זיי איז געזאָגט געוואָרן דעם פסוק ״וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה׳״ און איר וואָס זיי באַהעפט זיך אין ג-ט ״חייכ כולכם היום״ איר אַלע לעבט אַצינד דאָס מיינט איר זענט צדיקים דען דער צדיק ווערט גערופן חי.